**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/25/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט אז שיסערייען זענען רעדוצירט געווארן מיט 28% אין קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק**

***באדייטנדע רעדוצירונגען אין לאנג איילענד, ראטשעסטער, סירעקאוז, יוטיקע, יאנקערס***

***נאנט צו 350 מיליאן דאלער אינוועסטמענט אוועקגעלייגט צו רעדוצירן גאן געוואלדטאטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז שיסערייען אינצידענטן מיט שעדיגונג זענען רעדוצירט געווארן מיט 28 פראצענט ביז ענדע אוגוסט 2024 אין פארגלייך צו די זעלבע אכט-חודשים צייט אפשניט לעצטע יאר, לויט ווי עס איז געווארן איבערגעגעבן דורך פאליציי דעפארטעמטס וואס נעמען אנטייל אין ניו יארק סטעיט'ס גאן פאבינדענע געוואלדטאטן עלימינאציע (Gun Involved Violence Elimination, GIVE) איניציאטיוו. די אלגעמיינע רעדוצירונג אין שיסערייען איז די רעזולטאט פון באדייטנדע, אנהאלטנדע רעדוצירונג אין גאן געוואלדטאטן לענגאויס קאמיוניטיס וואס ווערן סערווירט דורך די 28 פאליציי דעפארטמענטס וואס נעמען אנטייל אין GIVE.

"פובליק זיכערהייט אין מיין נומער איינס פריאריטעט, און באשיצן ניו יארקער און זייער קאמיוניטיס איז די פונדעמענט פון אלע אונזער באמיאונגען," **האט גאָווערנאָר האקול געזאגט.** "אונזער סטראטעגיעס צו באקעמפן גאן געוואלדטאטן באווייזן זיך צו זיין ווירקבאר, אבער אונזער ארבעט איז קיינמאל נישט פארענדיגט - מיר וועלן ווייטער אינוועסטירן, אינאווירן און מיטארבעטן מיט געזעץ אינפארסירונג כדי צו מאכן ניו יארק א מער פארזיכערטע פלאץ פאר אלעמען."

די 28 פראצענט רעדוצירונג צייגט 417 שיסערייען אינצידענטן מיט שאדנס פון יאנואר 1 ביז אוגוסט 31, 2024, אין פארגלייך צו 578 אינצידענטן פון יאנואר 1 ביז אוגוסט 31, 2023.

ניו יארק סטעיט'ס GIVE איניציאטיוו שטיצט 28 פאליציי דעפארטמענטס אין 21 קאונטיס מיט די מערהייט פון די סטעיט פאפולאציע אינדרויסן פון ניו יארק סיטי.

די פאלגנדע פאליציי דעפארטמענטס האבן באריכטעט ספעציעל באדייטנדע רעדוצירונגען אין שיסערייען ביז ענדע אוגוסט 2024 אין פארגלייך צו די זעלבע זיבן-חודשים צייט אפשניט לעצטע יאר:

- נעסאו קאונטי: 40 פראצענט רעדוצירונג
- ראטשעסטער: 39 פראצענט רעדוצירונג
- סופאָלק קאונטי: 39 פראצענט רעדוצירונג
- סירעקיוז: 26 פראצענט רעדוצירונג
- יוטיקע: 47 פראצענט רעדוצירונג
- יאנקערס: 56 פראצענט נידערונג

אויגוסט 2024 דאטא פאר יעדע פון די 28 פאליציי דעפארטמענטס וואס נעמען אנטייל אין די GIVE איניציאטיוו זענען דא צו באקומען אויף די סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע גערעכטיגקייט סערוויסעס (Division of Criminal Justice Services DCJS,) וועבזייטל.

אין צוגאב צו די רעדוצירונגען אין גאן געוואלדאטן בייגעלעבט אין די GIVE קאמיוניטיס, האט די ניו יארק סיטי פאליציי דעפארטמענט באריכטעט א 12 פראצענט (602 אנשטאט 682) רעדוצירונג אין שיסערייען אין ניו יארק סיטי ביז ענדע אויגוסט 2024 אין פארגלייך צו די זעלבע צייט לעצטע יאר.

די פיסקל יאר 2025 אקטיוון בודשעט נעמט אריין 347 מיליאן דאלער פארזיכערט דורך גאווערנער האקול צו פינאנצירן א פולשטענדיגע פלאן וואס אדרעסירט גאן געוואלדטאטאן, פארמינערט פארברעכן און אנערקענט די וויכטיגקייט פון א פילזייטיגע צוגאנג צו פארבעסערן די פאבליק זיכערהייט.

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון קרימינאלע גערעכטיגקייט סערוויסעס קאמישענער ראסאנא ראסאדא האט געזאגט,** "גאווערנער האקול אנערקענט אז בלויז אינפארסירונג מאכט נישט געגנטער מער פארזיכערט. אונטער אירע פירערשאפט האט DCJS באקומען רעקארד-שטאפל פאנדינג פארGIVE, SNUG סטריט אוטריטש פראגראם, אלטערנאטיוון צו טורמע פראגראמען, און ווידער-אריינגאנג סערוויסעס וועלכע ערלויבט אונזער לאקאלע פארטנערס צו נישט נאר אדרעסירן די שעדליכע רעזולטאטן פון פארברעכן, נאר אויך איר אורזאכן. די באדייטנדע אינוועסטירונג אין א פאראייניגטע, פילפאכיגע צוגאנג צו א קאמפליצירטע פראבלעם צאלט זיך אויס און טוט פארבעסערן פובליק זיכערהייט אין קאמיוניטיס לענגאויס די סטעיט."

**סטעיט סענעט מאיאריטעט פירער אנדריע סטאווערט-קוזינס האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר ניו יארקער צו זיך שפירן פארזיכערט, צוליב דעם האט די ניו יארק סענאט דעמאקראטישע מאיאריטעט לעצטע יאר אינוועסטירט 347 מיליאן דאלער צו שטיצן קליגע הילפס מיטלען קעגן גאוואלדטאטן וואס ברענגען באדייטפולע רעזולטאטן, אזוויי די GIVE פראגראם. עס איז גוואלדיג אז די GIVE איניציאטיוו מיט אנטיילנעמען לאקאלן לענגאויס די סטעיט, האט דערגרייכט א 28 פראצענט רעדוצירונג אין גאן שיסערייען, מיט יאנקערס פירנדיג די וועג מיט א אויסנאמע 56 פראצענט רעדוצירונג. איך וויל באדאנקען גאווארנער קעטי האקול פאר איר אומאויפהערליכע און עפעקטיווע פירערשאפט מיט דער פראגראם און אנדערע אינאווירנדע איניציאטיוון צו באקעמפן גאן געוואלדטאטן. בשעת דער אראפגייענדע טרענד באצייכנט באדייטפולע פארשריט אין אונזער באמיאונגען צו פארבעסערן פובליק זיכערהייט, אונז בלייבן פארפליכטעט צו אינוועסטירן אין אינאווירנדע צוגענג וואס רעדוצירן גאן געוואלדטאטן און שאפן מער פארזיכערטע קאמיוניטיס."

**אסעמבלי ספיקער קארל היסטי האט געזאגט,** "די היינטיגע מעלדונג ווייזט אז אונזער אינוועסטמענט אין גאן געוואלדטאטן פארמיידונג איז ערפאלגרייך אין מאכן ניו יארק מער פארזיכערט. איך בין איוסערגעוועגליך שטאלץ אז אונזער באמיאונגען האט געפירט צו אזא באדייטנדע רעדוצירונג אין שיסערייען, אבער די אסעמבלי מאיאריטעט בלייבט פארפליכטעט צו ארבעטן מיט אונזער סטעיט פארטנערס צו מאכן אונזער קאמיוניטיס נאך מער פארזיכערט. מיין מיטארבעטער און איך ווייסן אז מיר קענען בויען א צוקונפט אין וואס ניו יארקער דארפן נישט לעבן אין שרעק פון גאן געוואלדטאטן שעדיגן זייער קאמיוניטי און מיר זענען גרייט צו אריינלייגן די נויטיגע רעסורסן און אינוועסמענט צו עררייכן די צוקונפט."

**אסעמבלימעמבער דזשעפרי דינאוויטש האט געזאגט,** "די 28% רעדוצירונג אין שיסערייען לענגאויס ניו יארק באווייזט די כח פון קאארדינירטע שריט און סטראטעגישע אינוועסטמענט. גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג פאר פובליק זיכערהייט האט געברענגט קריטישע רעסורסן צו אונזער קאמיוניטיס, פארשטערקערנדיג געזעץ אינפארסירונג און איינפאכע ארגאניזאציעס צו באקעמפן גאן געוואלדטאט

מיט א פעסטקייט. מיט 350 מיליאן דאלער אינוועסטירט אין אויפגעוויזענע לעזונגען אזויווי די גאן פאבינדענע געוואלדטאטן עלימינאציע (GIVE) אינציאטיוו, טוען מיר זעהן ריכטיגע רעזולטאטן מיט מאכן אונזער געגנטער מער פארזיכערט. דער פארשריט איז א שריט פאראויס אין פארזיכערן אז יעדער ניו יארקער, צו ער איז אין יאנקערס, ראטשעסטער, אדער דא אין די בראנקס, קען זיך שפירן פארזיכערט אין זייער קאמיוניטי."

די גאווערנער'ס אינוועסטמענטס נעמען אריין נאציאנאל אנערקענטע אינציאטיוון וואס ווערט געגעבן דורך DCJS, וועלכע גיבט געלטער, טרעינירונג און טעכנישע הילף פאר געזעץ אינפארסירונג אגענטורן און קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס אין קאמיוניטיס וואס זענען די שטערקסטע געשלאגן מיט ביקס געוואלדטאטן און געוואלדטאטן פארברעכן:

- נאנט צו 36 מיליאן דאלער פאר די [גאן פארבינדענע געוואלדטאטן עלימינאציע (Gun Involved Violence Elimination, GIVE) אינציאטיוו](). דורך GIVE, העלפט DCJS 28 פאליציי דעפארטמענטס אין 21 קאונטיס איינפירן עדות-באזירטע סטראטעגיעס וואס זענען אויפגעוויזן געווארן צו זיין סוקסעספול אין רעדוצירן ביקס געוואלדטאטן, אריינגערעכנט פראבלעם-אויסגערעכנטע איינפירונגען, האט-ספאטס אייפירונגען, געצילטע אפהאלטונגען/גרופע געוואלדטאטן אינטערווינען, גאס אוטריעטש, און פארברעכן פארמיידונג דורך אינווייראמענטאלע אויסשטעלונג (Environmental Design). די סטראטעגיעס לייגן א דגש אויף די פאר מענטשן און פלעצער וואס זענען שולדיג אויף די מערסטע געוואלדטאטן און אריינגעמען די ברייטערע קאמיוניטי אויפצובויען טריישאפט. GIVE גיבט אויך געלטער פאר דיסטריקט אטארניס'ס אפיסעס, פראבעישן אפטיילונגען און שעריפס'ס אפיסעס אין די קאונטיס.
- 21 מיליאן דאלער פאר די [SNUG סטריט אוטריטש (SNUG Street Outreach) פראגראם](), וועלכע נוצט א פאבליק געזונטהייט צוגאנג צו אדרעסירן גאן געוואלדטאטן דורכ'ן אידענטיפיצירן די אורזאך, שטערן פון אויספירן, און באהאנדלען אינדיווידואלן, פאמיליעס און קאמיוניטיס וואס זענען אפעקטירט פון געוואלדטאטן. קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס און שפיטאלן פירן די פראגראם אין 14 קאמיוניטיס און האבן אונטער זיך נאנט צו 200 אויטריעטש ארבעטערס, סאושעל ווארקערס און קעיס מענעדשערס. אויטריעטש ארבעטערס זענען אויסערגעווענליכע שלוחים וואס האבן פארלוירן זייערע באליבטע צוליב געוואלדטאטן אדער זענען שוין פון פריער געווען פארמישט אין די גערעכטיגקייט סיסטעם. זיי רעאגירן צו שיסערייען צו פארמיידן נקמה, כאפן אויף קאנפליקטס און שליכטן זיי רואיגערהייט איידער עס פירט צו נאך געוואלדטאטן. סאושעל ווארקערס און קעיס מענעדשערס ארבעטן מיט אינדיווידואלן וואס זענען אפעקטירט געווארן דורך קאמיוניטי געוואלדטאטן, אריינגערעכנט פריינט און פאמיליע. DCJS שטיצט אויך ניו יארק סיטי'ס געוואלדטאטן צושטערונגען באמיאונגען, געבנדיג 5 מיליאן דאלער פאר איר קריזיס מענעדשמענט סיסטעם (Crisis Management System, CMS) אז מען זאל קענען ברענגען די פראגראמען צום באנוץ.
- 18 מיליאן דאלער פאר די סטעיט'ס אייגנארטיגע נעטווארק פון [פארברעכן אנאליז צענטערס (Crime Analysis Centers)](), וועלכע אנאליזירן, זאמלען און טיילן אויס אינפארמאציע, וויסנשאפט און דאטא צו לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן לענגאויס די סטעיט. קיין איין אנדערע סטעיט האט נישט עפעס ענליך און די צענטערס - געפירט בשותפות מיט לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן אין 10 קאונטיס און ניו יארק סיטי - זענען גרופעס פון שטאטישע און לאקאלע באמיונגען אפצוהאלטן, אויסצופארשן, און צו לעזן די פארברעכן. בלויז לעצטע יאר, האבן שטאב באהאנדלט איבער 90,000 פארלאנגען פאר הילף, העלפנדיג אגענטורן לעזן אלעס פון ריטעיל רויבעריי ביז טויטן.

- ביז 20 מיליאן דאלער פאר פראיעקט RISE, אן אייגנארטיגע פאנדינג מאדעל וואס ברענגט צאם קאמיוניטי פאראייניגטע אינטערעסן גרופעס צו גאן *רעאגירן* צו גאן געוואלדאטן, *אינוועסטירן* אין לעזונגען, *אנהאלטן* פאזיטיווע פראגראמען און *מוטיגן* קאמיוניטיס. אין איר ערשטע יאר, האט די אינציאטיוו געשטיצט 99 ארגאניזאציעס, אריינגערעכנט 74 קליינע, פראגראמען וואס נעמען אריין די מענטשן אין די באוועגונג, אסאך וואס האבן קיינמאל נישט באקומען שטאטישע שטיצע פאר זייער ארבעט. פראגראמען און סערוויסעס וואס באקומען די געלטער פון RISE נעמען אריין אקאדאמישע שטיצע, ארבעט סערוויסעס, אויסלערנען און לייכטע פארברעכן/געוואלדאטן פארמיידונג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן